STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00600

KH'BIN VIDER IN MAYN KHORIVER HEYM GEKUMEN

Yaakov Ziper

•

Permanent preservation of this book was made possible by
Rita & Jerome Katz
in memory of
Eli & Hanna Shulman

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

כ'בין ווידער אין מיין חרובער היים געקומען



מיין שטעטל טישיוויץ —
איינס פון די תשע־קהילות,
און מיין ברודער ישכר
און פעטער יונה —
אומגעקומען
אין דער ערשטער וועלט־מלחמה;
און דער גאַנצער משפחה —
אַנשים נשים וטף,
וואָס זיינען פאַרשניטן געוואָרן
אין די יאָרן פון גזר ת״ש־תש״ה
אין די שטעטלעך פון קליין־פוילן
דער מדינה —

אַ מצבה

יעקב זיפער

CH'BIN VIDER IN MAIN CHOREVER HAIM GEKUMEN

(AND I CAME AGAIN TO MY DEVASTATED HOME)

YAACOV ZIPPER

Copyright 1965
by J. Zipper
417 Smart Ave.
Montreal 29, Canada

צייכענונגען — ריטאַ בריאַנסקי

פּלאַנירט און אויסגעפירט — שלמה פּאַמעראַנץ

זאַץ צוגעגרייט אין
THE NORTHERN PRINTING & LITHOGRAPHING COMPANY
4844 St. Lawrence Blvd.

ליטאָגראַפירט אין
DESBARATS PRINTING CO.
494 Lagauchetiere St. West

MONTREAL, 1965 — מאָנטרעאָל, תשכ״ו

דעם מחברס אנערקענונג

און דאַנק

ווערט דערמיט אויסגעדריקט

צו דער

שמואל לאַפּיצקי פונדאַציע

פֿאַרן דערמעגלעכן דאָס דערשיינען

פון דעם ווערק

און עס ברענגען צו די,

ביי וועמען יידיש לשון און שאַפן

איז מער ווי בלויז אַ דערמאָנונג

אין דעם דערהויבענעם

און טראַגיש פאַרשניטענעם אַמאָל

וואָס לעבט אין אונדז.

י. ז.

. . . און אָט,
בין איך ווידער
געקומען צו דיר,
ברודער מיינער —
ווי שוין נישט איינמאָל
אין די איבער פערציק יאָר,
זינט אויף דיין געביין
הויערט דער גרויער שטיין.

ווי וואָר, סע גייט מיר נאָך
מאַמעס דין געוויין
און טאַטנס געבויגנקייט,
דו און דיין געפייניקטער גוף.
ס׳איז מיר ענג און שווער
אין דער וועלט וואו כ׳בין פאַרפאָרן.

טוט עס מיך אַ צי צו דיר,
אָט אַזוי אין מיטן טאָג.
פאַרעיגול איך זיך
אין געטומל, וואָס אַרום מיר,
נעם אַליין זיך אָן ביי דער האַנט
און שטיי שוין —
ביי דיין אָפּגעשיידטער און שטומער רו.

כ׳בין בלויז מיט דיר.
דאָס עלנטע בית-עולם טירל
סקריפּעט גרוי אין ווינט;
אין די זאַמדן,
אויף יענער זייט פּלויט,
קרעכצט הויל אַ פֿויעריש פֿורל,
און אַרום, אין די גראָזן
זעגן די גרילן
דאָס געזאַנג פֿון רו
און טויט.

אַזוי איז אַלעמאָל געווען
ווען כ׳בין געקומען צו דיר,
אין דיינע פיר איילן וועלט.

דיין נאָמען מעקט זיך,
באַדעקט זיך מיט מאָך;
סע קריכט אַלץ טיפער
אין דער ערד אַריין
דער גרויער שטיין.

דאָס נאָדל־ביימל ביי דיין צוקאָפּנס,
איז מיט יעדן יאָר
געדיכטער און נאָדלדיקער געוואָרן —
נאָר מיין טרייסט
אויף דיין פאַרגיין,
איז אויך נאָך דאַן געווען.

ס׳איז די משפחה דאָך פאַראַן,
און פון דיר צו אונדזער הויז
איז בלויז אַ שפּאַן.
אין „הוסיאַטינער שטיבל״
איז נאָך אַ קדיש־זאָגער געווען;
אין ארון־קודש
איז נאָך געלעגן
דער „ספר היאָרצייטן והילולאס״*
הינטערן אויוון דאָרט,
האָט דער בלינדער פּנחס
נאָך אַלץ זיך פאַרטאַיעט
אָנגעלענט אויפן סענקעוואַטן שטעקן,
און מיט די בלינדע ווייסלען
אויסגעקוקט משיחן.

---

* אַ ספרל וואו עס זיינען פאַרצייכנט די יאָרצייטן פון די חסידישע רבים.

— וואויוועט נישט! —
האָט ער פּלוצים אַ צאַפּל געטאָן
אין יינגלשן געפּילדער אַריין.
— מ׳הערט דאָך שוין די טריט!
לאָצט מעך האָרכן! —
האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן צו אונדז
און געבליבן שטיין —
איין שטיק געהער.
געדענקסט?!
מאירטשע, דעם ליכט-ציערס
מיטן בלאָנדן בערדל,
האָט פּונקט דאַן געהאַלטן
אין מיטן חזרן מיט אַ ניגון
די „אימיניטלני״ און „דאַטלני״
פון קיריפּיטשניקאָווס גראַמאַטיקע.
און דער פּעטער יונה
מיטן שטענדיק שמייכלענדיקן פּנים,
האָט אים אויסגעהערט
הוידנדיק זיך
אויף דער לאַנגער באַנק.

ער האָט מיטגעניגונט מיט אים
און זיך קוים געקענט דערוואַרטן
מ׳זאָל אים שוין אויך אויסהערן.
לעבן הייסן אויוון,
איז דער רויטער יאָש
געלעגן אַן איינגעקאָרטשעטער,
און מיט אַלע חולאַתן זיינע
געקרעכצט אויפן קול:
— וואָס מאַכט עץ ענק נאַריש, יונגאַטשעס איינע!
ס׳וועט דען עפּעס אַרויסקומען פון דעם? —
און מיר — קונדסים נאָך,
פאַרנומען אין הייסן שפּיל
האָבן זיך געיאָגט אַרום באַלעמער
ווי די באָקעס.
ערשט, ווען מאירטשע
האָט מיט חוזק
אונטערגעטראָגן דעם בלינדן
דעם טאָפּ מיטן געווייקטן ברויט
—„נאַט עסט, און אין משיחן פאַרגעסט!״ —
האָט אַ פּראָסטיקער געיאָמער
אָפּגעשניטן אונדזער פייערדיק געלאַף.

דאָס גאַנצע שטיבל
האָט אויפגעציטערט
פונעם טראַסק פון סענקעוואַטן שטעקן.
אין מיטן שטיבל, איז דער בלינדער
געשטאַנען אַ פאַרצאַפּלטער,
גלאָצנדיק מיט רויט פאַרלאָפּענע ווייסלען;
דאָס גאַנצע פּנים זיינס
מיט דער ערדענער באָרד,
האָט געטאַמלט און געפּלאַטערט
מיט בהלה און יאָמער:
— אוי, די שקצים, נעבעך . . .
איצט, איז דאָרט קיינער נישטאָ,
ס׳איז שטילער פון שטיל אַרום.
פון די גויאישע גאַסן,
דערטראָגט זיך אַמאָל אַ גערייד.
און אַן עלנטער שטיין
טוט אַ פאַל מיטן ווינט אַליין.

און אָט, בין איך ווידער דאָ.
דאָס אַלטע בית-עולם
איז איצט אַ ווייצן פעלד.
דאָס טירל סקריפּעט מער נישט
אין ווינט.
דער רויטער שטיין
פונעם קדוש ר׳ אהרן קאָזאַק *
טורעמט מער נישט מיט גבורה
אַריבערן פּלויט.
אויך דאָס איינגעהויקערטעביימל
אויפן קבר פון לאַטוטניק *
שאָטנט מער נישט
מיט סוד און פאַרהוילנקייט.

ס׳איז אַלץ אָפּן איצט
און אַזוי וואָר,
ווי אין פּסוק שטייט געשריבן:
„ציון שדה תיחרש״.

אוי, ווי די באָבע און די מאַמע
האָבן דעם פּסוק באַוויינט
יעדן תשעה-באב.

* לויט דער מסורה אין שטעטל, האָט ר׳ אהרון קאזאק, א פערד־הענדלער, פאַרטיידיקט דאָס שטעטל קעגן כמעלניצקיס האָרדעס און געפאַלן אויף דעם אָרט.

* לויט אַ צווייטער מסורה, האָט אַרום 16טן י.ה. געלעבט אין שטעטל אַ לאַטוטניק, וואָס איז געווען משיח בן יוסף. ווען די צדיקים פון צפת און לובלין האָבן זיך וועגן דעם דערוואוסט און פאַרלאַנגט פון אים נתגלה צו ווערן, איז ער נפטר געוואָרן פלוצים, אין איינעם אַ פרייטיק בייטאָג. אויף זיין קבר האָט מען אַלע תשעה־באב אָוועקגעלייגט קוויטלעך מיט בקשות לטובת כלל־ישראל.

שטיי איך איצט
אין אָפֿענעם פעלד.
ערגעץ דאָ
איז דיין קבר פֿאַרהוילן.
דיין געדעכעניש —
אויפגעגאַנגען אין גרינס.
אַ פֿאַרשטומט געשריי
הויערט אין דער לופט,
אַ פֿאַרטאַיעטער גרויל
אין די גראָזן.
ס׳איז שטילער פון שטיל.
חורבן פֿאַרגייט זיך
אין שווייגן.

דאָס גאַנצע שטעטל — אַ פּוסט פעלד.
שטיין אויף שטיין
און ברוך אויף בראָך
צווישן גראָזן און מאָך.

ברעקלעך שבת יום-טוב ניגונים,
וואָס ווילן אַלץ נישט פאַרלאָזן
די הויפּנס חורבה,
צאַפּלען אַנגסטיק אַליין
אין די שפּאַלטן
פון ליים און שטיין.
איבערגעהאַקטער געזעמל
פון פאַרשניטענע וואָכן-טעג,
בלאָנקעט אימהדיק גרוי
אויפן עלנטן וועג און שטעג.
פון די לאָנקעס אַריבערן וואַסער
און די זאַמדן אויף יענער זייט;
פון די טאָרף-פעלדער פאַר דער לאַנגער בריק
און די סטראָסטענעס נאָך דער וואַסער-מיל,
טראָגן זיך די יאָמערן
פון די לעצטע שעהן;
ציין געקריץ און פלוכן
און קללות און לעסטערונג
און לעצטער שמע ישראל.
כ׳דאַרף נאָר אַן אויג פאַרמאַכן
און איך שפּאַן שוין מיט זיי
איבער דער לאַנגער בריק,
צאַפּל מיט זיי
אין לעצטן גאַנג.

כ׳בין נישט געקומען איצט
אויף קבר-אבות,
כאָטש דער זיידע ליגט דאָך
דאָ ערגעץ, אַזוי נאָענט פון דיר.
און אויך דער פעטער שמואל ,
האָט אַלע הייזער איבערגעלאָזט
פאַר אַ פּאָר איילן רו לעבן דיר.
און חיים הערש, דער מומע נחמהס,
אַזאַ צאַרטער און אָפּגעציטערטער נעבעך,
האָט די לונגען אויסגעשפּיגן
און געלייגט זיך נישט ווייט פון דיר
אונטער אַ נוס-ביימל —
צו לאָבן זיך מיט זיין שאַרף-זיסן ריח.
(אַזוי האָט די מומע נחמה זיך אַליין געטרייסט)
און דער פעטער נחום
מיט די לאַנגע פיס,
איז דאָך אויך דאָ דערלעבן.
אין מיטן ריזיקן שפּאַנען,
האָבן די הויכע פּלייצעס
נישט זיכער זיך אַ בויג געטאָן
און אומגעפאַלן פּלוצים,
ווי אַן אונטערגעזעגטער בוים.

בלויז אַ פֿאַרוואונדערט געבראָכענער שמייכל,
איז פֿאַרגליווערט געבליבן שטעקן
צווישן באָרד און וואָנצעס: —
שוין?!

נאָר כ׳בין דאָך נישט געקומען
אויף קבר אבות,
און נישט בלויז אויסוויינען זיך
ביזן דנאָ.
כ׳בין געקומען זיך געזעגענען.
אַ לעצטן קוק טאָן.
ס׳הארץ זאָגט מיר, אַז
כ׳וועל מער נישט קומען אַהער.
ס׳איז קיינער מער נישטאָ אַרום.
אַפילו נאָך חצות —
שלייכט די לבנה אַליין אויף די וועגן.
די מתים איילן מער נישט אין שול אַריין.
מאָטל קצב, פֿאַרהילט שוין נישט
די קופּערנע באָרד אין ווייסן קיטל,
וואַרטנדיק אויף זיי אין שול-הויף
כדי אַרויסצונאַרן פֿון זיי
דעם סוד פֿון קץ.

ער איז שוין איצט אײנער פֿון זײ
און װײסט מן הסתם דעם גאַנצן סוד.
די געלע בלעטער מיטן רמז פֿון קץ,
װאָס עמעץ האָט אים איבערגעגעבן
בסוד סודות —
װאַלגערן זיך ערגעץ דאָ אין די חורבות
צוזאַמען מיט זײַן צאַפּלענדיקן ברומען
אַלע פֿאַרטאָג בײַם צאַנקענדיקן קאַניצל
אויף זײַן יאַטקע־קלאָץ,
פּונקט אַנטקעגן דעם שול־הויף.
„עמעץ דאַרף זיך דאָך אײַנשפּאַרן״ —
פֿלעגט ער שאַרף ענטפֿערן,
אַז מ׳האָט אים געװאָרנט
נישט צו מישן זיך אין די זאַכן.
„משיח״! — פֿלעגן מיר יעדן דאָנערשטיק
בײַם משמור, טשאַטעװען אויף זײַן יאַטקע
מיט שפּאָט און חוזק.
װער האָט עס דען נישט געחוזקט
פֿון זײַנע פּאַפּירלעך?

ער האָט אָבער נאָר פֿאַרשאַרצט
דאָס פֿאָרהאַנגל פֿון קליינעם פֿענצטערל
און נישט אויפֿגעהערט
צו בליצן מיט די שוואַרצע אויגן,
און ברומען אין דער נאַכט אַריין:
„ואף על פי שיתמהמה, טאַטעניו,
לאָמיך זשע האָבן דעם זכות!"

איצט, איז דאָ שטילער פֿון שטיל.
נישטאָ ווער עס זאָל אין געוויין
זיך פֿאַרגיין.
אפֿילו מיין אויג איז טרוקן.
ס'איז ביי אונדז שוין
העט ווייט נאָכן שער־הדמעות.



ווען דו, ברודער מיינער, ביסט צעלעכערט געוואָרן
פון דער באָמבע,
ביים ערשטן חורבן פון אונדזער הויז —
האָבן אַלע געוויינט.
אפילו די גויאישע גאַס,
האָט מיט צער זיך געצלמט
און דער ווייסער קלויסטער
האָט די גלעקער געלאָזט קלינגען
אַ גאַנצע נאַכט.
דער טאַטע איז איבער נאַכט גראָ געוואָרן.
זיך אַריינגעטאָן אין לערנען
און פאַרניגונט דעם בראָך.
פאַרהילט און פאַרהוילן דעם קרעכץ,
ווי דאָס פנים מיט געדיכטער באָרד.
בלויז די אויגן האָבן מילד געגלעט
אונדזערע קעפּלעך,
געבויגענע איבער דער גמרא.
געלייטערט אונדז מיט פשטות
און פראָסטן פאַרשטיין.

אַמאָל אויך מיט אַ שעפּטש
און פּאַרטיפּטן וואונק,
אַז אַ מאמר אַזאַ, קען מען אויך
על פּי סוד פאַרשטיין.
אַ רמז איז דאָך אין יעדן וואָרט דאָ,
איז דאָך נאָר אַ פּראַגע
פון אַ קלאָרן דערזען;
טוסט אַ שטעל די אותיות איבער,
און פון „פּשוט״ ווערט „שופט״;
פון „עשירות״ ווערט „רישעות״.
מ׳דאַרף נאָר וויסן
ווי אַזוי צו שטעלן דעם טראָפּ,
און רעכענען טאָר מען נישט
בלויז מיטן קאָפּ . . .
שמייכלען זיינע מילדע אויגן,
און די צאַרטע בייטעלעך
בלאַסן זיך מיט געלייטערטער שלווה
פון פנימס געדיכטער באַוואַקסנקייט.
ס׳איז דאָך אַזוי זיכער און קלאָר:
„אין פאַרבאָרגעניש ערגעץ
נעסטיקט אַ סוד גרייט.
ערגעצוואו מוז זיין דער באַשייד״
זוכט ער אין ספרימלעך,
און העלפט זיך אויך
מיט אַ מעשה אַרויס.

ציט זיך אָבער דער האַרבסט
אַזוי לאַנג און באַנג.
דער דראָבנער רעגן
וואַשט די שויבן.
ס׳איז גרוי און קאַלט,
פייכט און סומנע
אין הויז.
די מאַמע, אַ געהויקערטע —
קרעכצט אין אויוון אַריין:
„האָסט געשטראָפט אין מיטן העלן טאָג,
רבונו של עולם.״
דאַן העלפט אפילו קיין מעשה נישט.
אין אַזאַ דרויסן,
רירט זיך קיינער נישט
אין וועג אַריין.
אַ פּויעריש פורל
אַז ס׳פאַרבלאָנקעט אַהער,
פאַרוויאָקעט עס
„דאָס שמאָלע געסל״ מיטן „רינג״
מיט אַזאַ האַרץ-רייסעניש,
וואָס נאָר איין גאָט
זאָל שומר ומציל זיין.

די בלאָטע גרייכט ביז צו די פענצטער.
אַ צער בעלי-חיים אויפֿן דרויסן
און אויף די, וואָס דערינען
אין הויז.
מ׳פּאָרט נישט צום רבין
און ר׳ חזקאל, דער „מעמדות ייד״*
קומט בלויז צווישן פּסח און שבועות.

אוי, ווי לאַנג מ׳דאַרף נאָך וואַרטן
אויף אַ גוט וואָרט און אַ נייעם ניגון.

ס׳איז עסעדיק ביטער אויף דער נשמה;
די פינגער פּלאָנטערן אומזיסט די באָרד
מ׳קען דעם ווייטיק נישט פאַרדעקן,
דעם בראָך נישט פאַרהוילן.
שטעל די אותיות אַהין און אַהער,
און דער חשבון איז אַלץ נישט קלאָר.
אפילו אין הייליקן שבת,
זייערט ער די זמירות
מיט פאַרשטשעמעטע ציין.
חזרט איבער מאָל נאָך מאָל:
„בכל צרתם לו צר, לו צר . . .״

---

* ספּעציעלער שליח פון רבין, וואָס קומט אויפזאַמלען דעם יערלעכן פּדיון פון די חסידים פאַרן רבינס הויף.

די מאַמע איז איינגעשרומפּן
און דינער געוואָרן.
ציטערט איבער אונדז און פלאַטערט;
פאַרפילט אירע טעג און נעכט
מיט אייליקן אַרומשמייען
איבער דער אָרעמקייטס הייזער
פון אונדזער געסל.
טאַפּט הייסע קעפּ און באַקוקט
פאַרפּאַפּטע צונגען;
שטעלט באַנקעס און רייניקט
דעם אומפּלייט מיט יאַרכן מאַשטש.
און דער עיקר —
נעמט זיך אָן מיט אַזוי פיל
יענעמס צרות,
די אייגענע צו פאַרדעקן.
„וואָס ווייסט איר, שוויגער לעבן,
וויפיל פורעניותן, באַהיט זאָל מען ווערן,
עס ראָיען אין די שמאַטעס
פון אונדזער געסל.״ —

האָט זי געטרייסט דער באָבע שרהן,
וואָס האָט אין הוילן קוימען אַריין,
ביים צאַנקענדיקן קאַניצל,
אַריינגעיאָמערט די תפילות
צוזאַמען מיטן גרויל
וואָס הויערט איבערן הויז,
זינט דער פעטער יונה
האָט אויפגעהערט צו שיקן פון פראַנט
די קורץ אָפגעהאַקטע פאָסט-קאַרטלעך.
ווי אַן אָפענע וואונד, הענגט דאָס אומגליק
איבערן הויז,
און די באָבע שרה יאָמערט עס אויס
יעדן פרימאָרגן ביים קרבן-מנחה סידור
און פאַרקרעכצט די נעכט
אָנשפּאַרנדיק דעם קאָפּ
אויפן קישן מיטן רויטן שטיין.
און אַז דאָס האַרץ ווערט שוין גאָר פול,
הילן זיי זיך ביידע
אין שוואַרצע שאַליקלעך איין,
און איילן דורך די הינטערגעסלעך
צו דיר און פאַלן צו
צו דיין שטיין.

„לויף צום כסא-הכבוד, ישׂכר קרוין,
רייס אַלע וועלטן איין
מיט אונדזער געוויין;
לאָז נישט דעם זיידן איינרוען
אין גן-עדן זיינעם,
און אַלע גוטע, פֿרומע לייט, שטעל אויף
מיט אַ געוואַלד-געשריי,
כי באו מים עד נפש."

איצט וויינט מען נישט מער —
נישטאָ ווער עס זאָל לויפן איינרייסן,
נישטאָ צו וועמען צוצופאלן אין פוסטן פעלד.
פון דיר איז דאָך כאָטש אַ מצבה געבליבן;
פון פעטער יונה, איז אַ געדעכעניש אָנגעקומען,
אַ ברוינער קאָנווערט מיט אַ שוואַרצער ראַם.
האָט מען געוויינט אויף דעם,
און פונדעסטוועגן אָנגענומען
דעם גזר.

אָבער פון זיי, פון דער גאַנצער משפּחה
און אַלע שכנים, —
איז גאָרנישט נישט געבליבן —
הוילער גאָרנישט.

די מומע חיה מיט אַלע אירע איריקע,
די מומע נחמה מיט איר געזינדל,
דאַכט זיך אַכצן אין צאָל,
און דער פעטער שלום, די מומע ביילע
און דער גאַנצער „וואול״*

און יידעלע, דער עילויעשער קאָפּ,
מיט וועמען ס׳האָט געגרויסט זיך
דער רבי אין ישיבה
און דער פּראָפעסאָר אין סעמינאַר.
קיין לובלין און וואַרשע
האָט ער דעם קאָפּ געפירט
און געשליפן אים ווי אַ דימענט
טאָג און נאַכט.
ביזן גאַז־אויוון אַריין
האָט ער נישט אויפגעהערט
צו שלייפן אים
און מחדש זיין חידושים;

---

* דאָס געסל פון דער אָרעמקייט.

און חידוש אויף חידוש,
האָט יעדער טאָג געבראַכט:
לעבן אין אַ בונקער
וואָכן נאָכאַנאַנד,
איז דען נישט קיין חידוש?
אַז בחורים זיבעצן,
דער נשאר פון סעמינאַר —
זאָלן מיט זמירות און ניגונים
איבערן אייגענעם לעבן
מאַכן קידוש —
איז דען נישט קיין חידוש?

האָט דער תליון זייערער
געקוקט אויף זיי
מיט אויגן שטאַרע, —
אים איז עס אוודאי אַ חידוש:
„ער האָט זאָלכעס, נימאַלס געזען."

גיי דערקלער אים,
אַז די יידעלעך פירט מען נישט
צום גאַז-אויוון.
זיי גייען ווען עס קומט די צייט, —

אַלע געשענקטע טעג און נעכט,
זיינען נאָר געגעבן
צו זיין אָנגעברייט
צו דער צייט;
צו זיין גרייט
ווען כלל ישראל גייט.
ווייל —
אברהם איז געגאַנגען,
און יצחק איז געגאַנגען,
און יעקב און יוסף;
און לאה האָט די אויגן זיך אויסגעוויינט, —
טאָמער וועלן חלילה אירע קינדער
נישט זוכה זיין צו גיין, —
ביז מ׳האָט איר געוויזן
די עשרה הרוגי-מלכות,
האָט זי דאַן אויסגעבראָכן
אין אַ גרויס זינג-געוויין —
„רחל שוועסטער,
שטיי אויף פון אונטערן שטיין!
אַלע יעקבס קינדער
טוען גיין און גיין.״

זינגט יידעלע:
„זכר דבר לעבדך״
און דער תליון גאַפּט פון חידוש.
אָבער ביי יידעלעס חברים
איז עס גאָר קיין חידוש נישט,
וואָס זיי גייען מיט תהילים ברומען
און גמרא ניגון;
מיט פלאַם פון נייעם ליד
פון דעם חלוץ צווישן זיי;
מיטן שטאָלצן יונגען רוף
פון ערשט זיך דערקענטן
בונדיסט און קאָמוניסט.
אַלע גייען זיי אין איינעם,
ווייל —
אויך יוסף טרומפּלדאָר
איז געגאַנגען,
און הירש לעקערט,
און נפתלי באָטווין, —
אַלע פון איין שטאַם.

וואו נאָר אַ שטעג,
איז אַן עדות און אָנגעברייט
צו זען דעם גאַנג.
אַ ליכטל זיבן מאָל געפלאָכטן
בלינצלט גרעל אַנטקעגן
פון גראָען נעפּל אַרויס.

און דאָס איז אוודאי נישט קיין חידוש,
וואָס דער ניגון
איז אָפּגעהאַקט אין מיטן.
בין איך אפשר גאָר געקומען
דערציען דעם אָפּגעהאַקטן ניגון,
פון דער גאַנצער משפחה
אויסגעלייגט אויף דער לאָנקע,
אַריבער דער בריק
און לעבן דער וואַסערמיל;
און אַלע אונדזערע שכנים,
די חברה פלעקל, האַמער און שטיפט,
מיט הענט ווי פרעסלען;
און פלייצעס ווי מויערן.

די גאַנצע געגנט האָבן זיי
באַנייט און באַשיכט;
געפירט אויף יאַרידן
און אין גאָר דער וועלט אַריין;
אָנגעפילט אַלע שענקען
מיט אָפן גערייד און געפילדער,
און די פאָדער-שטיבלעך פון „גוטע יידן"
ווי שטילע לעמער.
זייערע טעכטער האָבן אַ פול מויל
מיט פאָלקס-לידער געהאַט,
און זייערע יאַטן האָבן
אין די פראָפעסיאָנעלע פאַראיינען
געקעמפט מיטן אייגענעם טאַטן.

ווי אַזוי זיינען זיי געגאַנגען?
האָבן זיי בלויז אין אַנגסט געשוויגן,
און דעם רוצח נישט געקיילט
נישט געביילט?

ס׳איז שטיל אין „וואול״,
קיינער גייט נישט,
קיינער קומט נישט.
בלויז אַ שיימע, אַ האַלב פאַרברענטע
פון עפּעס אַ ביכל פון דער ביבליאָטעק
וואַלגערט זיך אין קויט.

ווייסט,
דער אַפּטייקער מיט די שפּיזיקע וואָנצעס,
וואָס האָט נאָך די קאָזאַקן אַמאָל
געוויזן וואו אַ ייד באַהאַלט זיך אין „וואול״, —
ער איז דאָ.
מיטן היציל פון יענער זייט בריק
איז ער אַלץ נאָך פאַן-בראַט.
זיי וואוינעןביידע
אין דער גרויסער מױער
דאָ נישט ווייט.
גאַנצע טעג ראָיען זיי אין די חורבות,
ווערן שיר נישט צעפּלאַצט
פון פריידיקן געלעכטער
מיט יעדן געפינס.

ווי דער אור-זיידע זייערער,
ליאַך דער גייציקער, הערשער פון די זומפּן —
האַלב מאַן האַלב טייוול —
קיניגן זיי דאָ מיט שאָדן-פרייד
אין דעם פּוסט און פּאַס.

אויך יאַנינאַ, די צעטומלטע נאַפקע
איז מיט זיי.
פאַרזשליאָקען צוזאַמען די זונטיקס
מיט פולע קידוש בעכערס.

זיי זיינען דאָ,
„פאַרהיטן און באַשערעמט
צום ליב פונעם האַר
פון אַלע אייביקייטן
און זיין דערלייזער".
אַזוי קלינגען אויס אַלע גלעקער
פון ווייסן קלויסטערל אויפן בערגל.

נאָר פון אונדזער משפחה
מיט אַלע שכנים —
קיינער נישט.

בלויז אין מיר,
זיינען זיי פאַראַן, —
פונקט ווי דו מיט די שטומע מצבות
מיט וועלכע די בלאָטיקע וועגן
זיינען געפּלאַסטערט.

בלאָנקע איך דאָ אַרום
צום לעצטן מאָל.
מיין טראָט טאַמלט אויף די „פּה נטמנס",
עס גרוילן די פעלדער אַרום
און עס שטומען די זאַמדן
דער הייסער זון אַנטקעגן.
כ'בין פול מיט געהער,
צאַפּל אויף מיט יעדן שאָרך
פון אַ גרעזל אין ווינט.
„אפשר אַ שפּליטער פון אַ וואָרט,
אַן אָפּקלאַנג פון אַ ניגון,
וואָס האָט דאָ אונדזערע זיידעס
באַגלייט גאַנצע יאָר הונדערטער זיבן.

כ׳בין געקומען זיך געזעגענען
און מיטנעמען וואָס איך קען, —
דיך און זיי אַלעמען,
און אַלץ וואָס כ׳וועל נאָר געפינען.
זאָל זיין אַ לאַנג פאַרקריצטער צייכן
אין אַ קרישלדיקן בוים;
אַ נישט פאַרענדיקט געזאַנג,
וואָס בלאָנקעט דאָ אַרום
שלינג און שלאַנג.
כ׳וועל אַלץ אויפקלייבן:
דאָס געדעכעניש פון די קאָסטנס
וואו „כמיעל״ דער צורר
אין זיין צייט,
האָט קליינע קינדער געשאָכטן
אויף גלאַט כשר;
און דעם עכאָ פון אונדזער מושטרירן זיך
אויף די ליים-בערג, —
גרייטנדיק זיך קעגן דעם נייעם רוצח
אויף דער לויער.

אין קילן זאַמד דאָ אַרום,
גליוועוערט שטום
די פאַרקילטע טרער
פון דורות גייערס
אויף קבר-אבות.
עס שוועבט נאָך דאָ אַרום
דאָס פריילעכע געפלאַפל
פון נאָר וואָס אויסגעפיקטן „הדור הצעיר".
עס הענגט נאָך דאָ אויף יעדן בוים
אונדזער גרינער חלום
און טראָציקער געפליסטער:
„חזק ואמץ, שלום!"

כ'וויל עס נאָך אַמאָל דערזען
און אַוועקאײלען פון דאַנען,
ווייל דאָס ברויט דאָ
גייט איצט אויף
אין שטומער יללה;
דער טוי פאַלט
אויף אַ ביטערער קללה.

די זאַנג וויגט זיך
אין גרויל
פון איבערגעהאקטן ניגון,
און דאָס גראָז מיניעט זיך
אין שאָטנס,
וואָס בלאָנקען פאַריתומט
אָן אַ תיקון.

אַ גרויס מאָנען גייט אויף
פון אונדזערע געוועזענע גאַסן,
אַ מאָנען און אַ וואָרענען:
„די רייפע עפּל אין פּריצישן סאָד
פלאַמען ווידער
אַריבערן פּלויט
מיט רויט צעהעלטער הויט.״
זע אָבער און באַנעם:
„אויפן פּלויט פון פּריצישן סאָד
אַ פאַרטריקנטער פלעק —
דאָס בלוט פון חבר יוחנטשע
און זיין הויז געזינד.
זייער בלוט האָט אַ שפּריץ געטאָן
אויף צעבליטעביימער.״

זאַפטיק רויטער טויט
געפּלייצט האָט אין גרינעם גראָז
און פאַרשטומט זיין נאָגנדיק
ליב ניגונדל מיטן לעצטן הויך;
צום פלויט האָט אים אַ שלעפּ געטאָן
דער טויט,
און די בלויע אויגן
מיטן סאַמעטענעם בליק,
האָבן צום לעצטן מאָל
געזען די זון
און דעם גרינעם מזבח אַרום.

ווער זשע קען נעמען צום מויל
אַן עפּל פונעם מזבח אַראָפּ?
ווער קען אָטעמען דעם ריח
פון גרינס און רייפע פרוכט,
וואָס שמעקט מיט לעצטן אָטעם
און רויטן טויט?

ווער איך דיך און זיין לעצטן בליק
צונעמען פון דאַנען
און מיטפירן מיט זיך איבער ימען.
ערגעצוואו איז נאָך ערד פאַראַנען,
וואו גראָז איז בלויז גראָז
און ברויט —
גראַמט זיך נישט מיט טויט.
און דאָ, —
זאָל וויסטער עלנט
מיט די חורבות זיך פאָרן;
זיך זעטן און געבערן קללה,
וואָס זאָל פאַרשעלטן
און קיינמאָל נישט פאַרגעלטן
דער ערד,
וואָס גרינט באַזויפן
פון בלוט און רציחה.
אפילו אַ וואַנדער-פויגל
זאָל דאָס אָרט מיידן.
קיין פריי לוסטיקער געצוויטער
אין לאַנד וואו ס'בליט מיט טויט.

בלויז סומנער פּחד
און אימה
זאָל נעסטיקן אויף פעלד און וואַלד,
אין גאָרטן און אין הויז
פון אונדזערע „ליבע" שכנים,
וואָס אויב זיי האָבן אַליין נישט
געהאַלטן די האַק —
האָבן זיי כּסדר גרייט געהאַט
דעם אָפּענעם זאַק.
אין זייער בעט — אונדזער האָב,
אין זייער הויז — אונדזער גאָב:
אונדזער שאַנק
און טיש און באַנק,
און אויך דאָס העמד פון לייב
און דער שוך פון פוס.
זאָל זיי שווידערן
דאָס גרויליקע ברומען
פון אונדזער פאַרבלוטיקטער טויב:
„אין אַלע הייזער רויב!"

אפילו דער וועג מיטן שטומען שטויב
זאָגט עדות:
„אין אַלע שטיבער רויב!" —
אַזוי ברומט אונדזער טויב.

און אויב עס איז געווען
איינער פון זייער גאַנצן שטאַם,
וואָס האָט קיין חלק
נישט געהאַט אין דעם,
האָט אים אויך פאַרצערט דער פלאַם,
און ער איז איינער שוין פון אונדז. —

אַזוי צאַפּלט זי אונדזער טויב.
מיט אַנגסטיקער שטומקייט פון פאַרגיין
גרוילט זי איינע אַליין,
שוואַרץ און הויל
אויף יעדן חורבה שטיין.

. . . און אַט,
שטיי איך דאָ איינער אַליין.
אָפּן דאָס פעלד,
גאָלדיק דאָס זאַמד אויפן וועג.
עס שרפהט אַ גליאיקע זון
און פלייצט מיט ליכט,
נאָר מיך קלעמט אַ הוילער טונקל,
שוידערט אַ שטעכיקע קעלט;
אויף מיין פאַרטריקנטער צונג
ביטערט און נאָגט:
„דו ביסט דאָך דערביי געווען —
האָסטו עס געהערט?
האָסטו עס געזען?
און אַלע גוטע פרומע לייט
פאַר מליצי-יושר געגרייט
דורות לאַנג אויף אַט דער צייט,
אויף וואָס האָבן זיי נאָך געוואַרט?
און משיח בן יוסף,
וואָס ליגט דאָ נישט ווייט —
וואָס האָט ער געטאָן?

האָט ער ווידער שטומערהייט
גענומען די פּאָר שטרוי
און זיך אויסגעצויגן
אַזוי ווי דאַן,
אין יענעם שנייאיקן פרייטיק,
ווען ער האָט זיך דערוואוסט
אַז אין צפת, דער הייליקער שטאָט
וויל דער אר״י ז״ל,
אַז ער זאָל זיך אַנטפּלעקן פאַרפרי
איידער עס ברעכן זיך איבער אַלע קני.
איז איצט נאָך אויך געווען פאַרפרי?
פאַר וואָס זשע האָט איר אים נישט געפרעגט:
„אויב אַזוי, וואָס האָט ער בכלל
געהאַט צו טאָן דאָ הי?
צו וואָס דאָס שפּיל אין לאַטוטניק?
צוליב וואָס האָט מען דורות לאַנג
געלייגט לאַטעס
אויף פאַרמשפּטע שיך און שמאַטעס?"

אין יענעם קורצן פרייטיק,
ווי אין אונדזער פנקס
איז געווען פֿאַרצייכנט
שוואַרץ אויף ווייס,
האָבן הימל און ערד געוויינט
אויף זיין גורל,
און נאָר צוליב ערב-שבתדיקן געאײַל
האָבן דער אר״י ז״ל אין צפת
און דער רש״ל ז״ל אין לובלין, —
געשוויגן.
אין מיטן שיר השירים זאָגן
געלאָזט אים נעמען אויף זיך
דעם גזר.
אים אַוועקגעזעצט אין גן-עדן
און אונדז געגעבן אַ שטיקל שבת
מיט וואונדער און לעכצעניש
אויף אַ פולער וואָך.
אָבער איצטער אָ, איז וואָס געווען?

מ׳האָט דאָך גאַנצע וואָכן נאָכאַנאַנד
אויפגעדעקט די שאַנד
פון גאָטס גאַנצן באַשאַף אַליין.
אַלע תאוותס פון רציחה
האָבן דאָך געזאָטן
טאָג און נאַכט.
פאַר וואָס האָט ער זיך נישט אַ ריס געטאָן
פון אונטערן נוס־ביימל
און צוזאַמען מיט אַלע צואיילער פון קץ
אויפגעפּראַלט די טויערן
פונעם „היכל פון פאַרבאָרגעניש״ *
מיט א געוואַלד־געשריי:
„עד מתי?!
אויב נישט איצט, ווען זשע?
צו ווען זשע?״

שווייגסט!

און אויך ער האָט געשוויגן, —

קיין כוח נישט געהאַט
אָפּצודעקן די פאַרהוילענע פּאָלעס
פון כביכולס
הילפלאָזע שאַנד.

* דער היכל וואו גאָט אַליין באַהאַלט זיך כדי צו קלאָגן אויפן חורבן.

ביטערט מיין צונג.
ווי מאָיל,
עסט די בראַנד
פון לעסטער.

פאַרשטייסט,
ווייל איך בין דערביי נישט געווען,
גייט מיר נאָך דאָס וואָס ס׳איז געשען, —
מיט שאַנד און וואונד
פאַר מיין בלייבן
מיט מיין הויט;
מיט בושה —
פאַר מיין ביסן ברויט;
פאַר מיינע —
אַלץ נאָך לעבעדיקע תאוהס.
עס קען דאָך זיין
אַז איך האָב פונקט דאַן
געפּראַוועט ליצנות,
אַדער ווער ווייס וואָס געטאָן —
ווען די מומע חיה,
(זאָל געהייליקט זיין איר נאָמען)
האָט איר אייניקל אויסגעפּוצט
אינעם שענסטן קליידעלע;

פאַרפלאָכטן די צעפּעלעך
און ארײַנגעקוקט אין אירע ברוינע אײגעלעך
מיט ליבשאַפט און גליאיקער אַנגסט.
„איצט ביסטו גרייט, מיין קינד,
צו גיין צום זיידן דיינעם.
אַ וואוילער ייד געווען,
אַביסל צו אַ געאײַלציקער אָבער;
אפילו מיטן שטאַרבן, איז ער מיך איבערגעלאָפן.
אַלעמאָל געדאַרפט אים דערמאָנען:
הער נאָר, נישט געאײַלט זיך,
מ׳טאָר דאָך נישט.
איצט וועט ער זיך אוודאי אײַלן
דיר אַנטקעגנצוגיין.
איצטער מעג מען שוין,
ווי איז מיר און ווינד.
איצטער וועלן מיר אים זאָגן
אַזוי צו זאָגן:
„איצט איז די צייט, —
אײַל דיך, זיידע,
נישט כדאי שוין צו וואַרטן.״

און אויך די עלטערבאָבע,
וואָס דו ביסט אַ נאָמען נאָך איר,
אַ טייערע, כשרע יידענע געווען,
ווער אונדז אַנטקעגן טריטלען
מיטן קאָשיקל מיטן ברוינעם
פול מיט אייער און הינער
פאַר די באַלעבאַטישע הייזער,
און אַביסל רויטע קאַרשן פאַר די קינדער
אויף שבת אויבס.
שאָקל איר צו מיטן קעפּעלע,
זי האָט עס ליב אַזוי.
נו, גיב אַ שמייכל, מיין קינד
און וויין נישט אַצינד.
מ׳וואַרט דאָך אויף אונדז.—״
האָט זי דעם קינדס טרערן
אָפּגעווישט מיט די טרוקענע ליפּן
און זיך געלאָזט גיין
דעם לעצטן גאַנג.
דעם קאָפּ געבויגן
און די אויגן פאַרטערערט,
האָט זי מיט אַלעמען געצויגן
אַקעגן דער אויסגעשטרעקטער שווערד.

פלאַמיק די זון,
בליציק די שווערד אַנטקעגן,
און פלוצים האָט פון ווייטער ווייט —
אַזש פון די קינדער יאָרן
אַ ניגון זיך צעגרוילט.
אינמיטן דער יללה אַרום
האָט זי דעם ניגון דערשפּירט.
ברומט אין איר מיט גרויל,
צאַפּלט אין אַנגסט
אין אָפּענעם מויל.
איילט זי מיטן קלאַנג
און פלאַטערט אינעם לעצטן גאַנג.
און מיט איר, —
גאַנץ קהל:
דער רב און דער דיין,
דער שמש און דער בדחן,
און די קלעזמער, —
נאָר אָן די כלים;
און דער רופא
און דער אפיקורס משה ראובן,
האָבן זיך צווישן די פיס געפּלאָנטערט.

אויך ר׳ הערשל פּאָריסעווער
מיט דער בלאָנדער גוט-יידישער באָרד
איז געגאַנגען.
אַ מחנה גרויס פון אַלע גאַסן:
פון דער גאַרבאַרניע גאַס און „וואול״
און פון יענער זייט
און פון הינטערן טאָל;
און פון זשאמעלעס הויף, —
עמך, שער און אייזן
מיט די בעבעכעס און קניפּלעך;
מיט האַק און פּאַק
און דאָרפס-גייערישן זאַק.
אַלע זיינען געגאַנגען:
דער גאַנצער פער פון דער פאָרשטאָט,
די יוסטע באַלעבאַטים פונעם רינג
און חברה פלאַם פון דער באָד גאַס.
עס האָט קיינער נישט אויסגעפעלט.
אַלע פּאַרטייען אין איין אחדות.
איין טראָט פאַר אַלע
און איין קנוט.
איין שאַנד און בראַנד
יאָגט זיי נאָך.

און צווישן זיי —
די מומע חיה פירט שרהלען
ביי דער האַנט.
אַ ניגון איז איר אויפן צונג,
נאָר די ווערטער פּלאָנטערן זיך, —
דער זיכרון שטאָלפּערט
הינטער אַ בלינדער וואַנט.
פּלוצים האָט ר׳ הערשל פּאָריסעווער
אַ צענעם געטאָן די באָרד
מיט צוויי פינגער,
און מיט התלהבות אַ ניגון אויפגעפראַלט
מיט אַזאַ צריחה,
אַז גאַנץ קהל האָט אַ ציטער געטאָן
און מיטגעשאַלט אין איין קול:
„געוואַלד, טאַטע, געוואַלד!״
האָבן די בערג אַרום
אויפגעשטעלט מויל און אויערן,
און דאָס גאָלדיקע זאַמד
הינטער די טריט,
האָט זיך אויפגעהויבן
הימל הויך.

האָט די מומע חיה געשטאָלפּערט
גלייך מיט אַלעמען אין די זאַמדן,
נאָר די בלינדע וואַנט
האָט זיך אַן עפּן געטאָן מיטן שאַלן;
פֿאַר די אויגן פֿלאַטערט איר אַ היימיש געשטאַלט
ציטערט מיט ווערטער און ניגון
אַלט אַזוי און באַקאַנט.
אָט זע:
די משוגענע פּייגע לאה,
וואָס רוט שוין מכּמה יאָרן
אויפֿן אַלטן בית-עולם,
ציט אויך אין לעצטן גאַנג
מיט איר ניגון און געזאַנג.
האָרכט די מומע חיה,
צאַפּלט אויף מיט יעדן קלאַנג,
פֿלאַטערט און פֿליטערט
נאָכן ניגונדיקן ציטער
און שלינגט די ווערטער
וואָס זשומען אַרום איר
ווי יונגע שוועלבעלעך
אין פֿרילינג.

יאָ, אין פרילינג טאַקע
פלעגט פייגע לאה אַראָפּ פון זינען.
אַ גאַנצן ווינטער,
האָט זי אין עגונהשאַפט
פעדערן געפליקט
פאַר רייכע כלות.
פרעמדע קינדער געניאַנטשעט
און וועש געוואַשן,
דילן געריבן אין באַלעבאַטישע הייזער.
געווען שטילער פון אַ טויב
און געהאַלטן דעם קאָפּ געבויגן.
זעלטן ווען, אַז זי האָט געעפנט דאָס מויל,
בלויז די אויגן האָבן מילד
געבליקט מיט דאַנק און קינדישן שמייכל.
אָבער ווי נאָר די קריעס,
האָבן גענומען ציען
אויפןברייטן טייך,
און די מערץ-ווינטן האָבן גענומען יאָמערן
מיט דער אימה פון געהאָנגענע לייט,
וואָס טרייסלען דיביימער אין וואַלד, —

דאַן פלעגט פייגע לאה נעלם ווערן,
אין די גראָע נעפּלען
ערגעצוואו פאַרשווינדן.
ערשט וואָכן שפּעטער
באַווייזט זי זיך ווידער,
ווען עס בלויען די פרילינג נעכט
מיט שלווה און לבנה כישוף;
בלוי זילבערדיקע בענקשאַפט
שעפּטשעט שטיל
אין אַלע גאַס ווינקלען.
שטילער פלאַטער אין די נעסטן
און ווייטער סוד
אויף קרומע דעכער.
פון ווייטן רוישט דער טייך,
פאַלדעוועט זיך און ציטערט
מיט פליוך און פליוסק
אויפן זאַמדיקן ברעג.
אונטער דער לאַנגער בריק,
לויערן שוין די וואַסער-מיידלעך
אויפן ערשטן קרבן פאַרן שטראָמיקן טייך;
מיט וואַרעמען נעפּל
פלעכטן זיי ווייסע נעצן אין טשערעט.

אַ ווייטער און צעבלויטער
ווינקט צו זיי דער הימל
מיט בליציקן בלישטש פון אַ פאַלנדיקן שטערן —
שלינגט דער טייך אים איין
און פאַרהוילט
מיט אַ שטילן ווייכן פּליעסק.
אָט אין די פרילינג נעכט,
באַווייזט זיך פייגע לאה
אין מיטן מאַרק.
אַ בינטל קינדערישע בגדים
טוליעט זי צום האַרצן,
און טשאַטעס הינט אַרום איר
פאַרגייען זיך אין יאָמער
קעגן דער לבנה.
פאַרשטילט זי זיי מיט גוטע רייד
און אויסטערליש מאָראַלישן ניגון:
„שאַט, שאַט, כלבים קרוין,
ס׳אי דאָך משיחס צייט שוין!
משיח וועט קומען
במהרה בימינו
אמן ואמן.״

און אַז די הינט גרוילן אַלץ,
נעמט זי שליידערן
פון זיך די שמאַטעס,
און דער ניגון ווערט
דינער און ציענדיקער
און שנירלט זיך אַריין
אין די שלאָפנדיקע הייזער.
דרייען זיך אַלטע אויף די געלעגערס
מיט אַ טיפן קרעכץ,
כאַפּן זיך קינדער איבער
מיט אַנגסטיק געוויין
און האָרכן זיך איין
צו פייגע לאהס ליד,
וואָס פלאַטערט אין לבנה שיין.
פאָרכטיק פאַרגאַפּט
ציטערט דער ניגון,
און אין חלום נאָכדעם
און אויפן וואָר אַ גאַנץ לעבן, —
טראָגט קינד און קייט
דאָס ליד אין זיך.

און ווען עס שטייט אויף דער ווייסער טאָג, —
יידן איילן זיך מיט תהילים
דער זון אַנטקעגן;
דער מילכיקער שטייט שוין מיט פולע קאַנען,
און דער וואַסערטרעגער,
טוט פאַרשלאָפן שפּאַנען
צום קילן ברונעם, —
זיצט נאָך אַלץ פייגע לאה אין מיטן מאַרק.
די הינט אַרום איר
אין אַ שטומען קרייז,
און אין איר מויל דאָס ליד
וואָס נאָגט און צאַפּלט:
„אַלע שענסטע, אַלע בעסטע
זיינען שוין געגאַנגען
אַ, אַ, אַ, מאַמע,
׳מ׳גייט אַקעגן משיחן
אַלע באַזאַמען.״
איילן יידן פאַרביי איר
און דער ניגון לויפט זיי נאָך
דורך די הינטער געסלעך
ביזן בית-מדרש אַריין,

ביזן מיטן דאַווענען אַריין.
און נישט איינער כאַפּט זיך,
אַז דער ניגון איז אים אַריין
אין די ביינער,
און אינמיטן דבקהן זיך
ציט ער אַרויס פון זיך,
פון דער סאַמע טיף —
דאָס יאָמערלעכע ביטערן
פון פייגע לאהס ניגון
און וואָרנענדיקע רייד:
„שלאָפט נישט, יידן!
שלאָפט נישט, ליבע!
אַ, אַ, אַ, מאַמע,
גייט אַקעגן משיחן
אַלע באַזאַמען."
דערשרעקט זיך דער פארדבקהטער ייד
פאַר זיך אַליין.
שפייט אויס דריי מאָל
און זוכט מיט עפּעס אַ פּסוק
דעם פּחד צו פאַרטרייבן.

„מ׳מאַכט אַ וועזן פון אַ משוגענער״ —
פּלעגט פּראָים שוסטער
אָננעמען אַ פּול מויל מיט שטיפּטן
און מיט אַ קוויטשיק קולכל
נאָכקרימען פּייגע לאהס ניגון.
נאָר דער גאַנצער „וואול״,
האָט נישט אויף חוזק
דעם ניגון נאָכגעזונגען.
און די גערטנער אַרום
און דער הויפּישער סאָד
מיט די לאָנקעס ביזן סאַמע וואַלד,
און העט נאָך ווייטער נאָך דער קרעניצע
ביי די זאַמדן, האָט אָפּגעקלונגען —
„איילט זיך יידן,
שטייט נישט אָפּ,
אַ, אַ, אַ, מאַמע,
אַ, אַ, אַ, מאַמע,
ס׳טאָר קיינער נישט פעלן,
אַלע לויפן באַזאַמען״.

ווער זשע האָט זיך געקענט רעכטן,
אַז דער ניגון
איז דאַן שוין געווען אָנגעברייט
פאַר אָט דער צייט?

מיט אַמאָל איז דער מומע חיהן
העל געוואָרן אין מוח.
דאָס מויל האָט זיך איר געעפנט —
און מיט איילעניש,
האָט זי אַ שפּאַן געטאָן פאָראויס.
שרהלע נאָך איר, איילט זיך אויך, —
און אָט זײַנען זיי שוין
לעבן ר׳ הערשל פאָריסעווער.
זײַן באָרד פלאַטערט
און פלאַמט קעגן דער זון,
נאָר דאָס קול ברעכט זיך אים.
פון נאָך דער בריק אָן
באַגלייטן זיי די רוצחים
מיט הוק און טוק.
בייטשן קנוילן זיך
איבער די קעפּ;
וויקלען זיך ווי שלאַנגען
אַרום די פיס.

יאָמער און געקלאָג
מישט זיך
מיט געשריי און הוזשען
פון רוצחים.
הייבט די מומע חיה
אויף דעם קאָפּ העכער,
דריקט שרהלען צום האַרצן,
און מיט פּייגע לאהס ניגון
און מיט פּייגע לאהס קול אפילו
און מיטן זעלבן קניקס
אַ ביטער געטאָן:
„אַלע שענסטע, אַלע בעסטע
טוען שוין גיין,
אַ, אַ, אַ, מאַמע,
מיר גייען אַקעגן
אַלע באַזאַמען . . ."

און ווען מ׳האָט אָפּגעטיילט
קינדער פון דערוואַקסענע
און די מומע חיה,
איז אַ פאַרווירטע שאָף
געשטאַנען אַליין צווישן אַלטוואַרג,
האָט אַלץ אין איר
געציטערט און געברומט
מיט פייגע לאהס ניגון:
„גייסט אַקעגן, שרהלע,
מיט אַלעמען באַזאַמען.
אַ גרויסן זכות האָסטו,
וויי דער מאַמען!"

מיט אַמאָל איז דער ניגון
פאַרגליווערט געוואָרן
און צאַפּלענדיקע ווערטער
האָבן הויל זיך געקוילערט
פון אירע אָפּגעגעסענע ציין:
„גייען, גייען, גייען, —
וויי און ווינד דער מאַמען."

דער וואַלד דאָ נאָענט
האָט אין שטוינען
מיט די צווייגן געצוקט;
דער באַרג האָט גרויליק
גרוי געקוקט,
און די לאַכנדיקע קרעניצע
האָט מער גאָרנישט נישט געזאָגט.
בלויז שוואַרצע קראָען
האָבן געפלאַטערט אַרום
וואו דאָס גאַנצע שטעטל
האָט געטאַמלט אין אַנגסטן,
און די מומע חיה
מיט לעצטן אָטעם
האָט געשטאַמלט,
געשטאַמלט, — — —

דע איך זיי אַלע
פאַרפּלאָנטע און דערהויבענע
מיט ריין געזאַנג אין מויל —
מיט אויגן וואָס קוקן אַריבערן גרויל
און סע שווידערט נאָך די וואָר
מיט אַנגסט
פון געבויגענע און דערשלאָגענע,
מיט אָרעם געוויין
און טויטן יאוש אין בליק.
אַ טשערעדע פאַרלאָרן
אין אָפענעם פּיסק פון פאַרצוקער.

איצט, ווינקט צו מיר
יעדער שטעג, —
טרויערט מיט אַלצוויסן,
יעדער וועג, —
„שוין דאן,
ווען אין אָוונטיקן בלוי און ראָז,
איז דער „דור צעיר"
מיט פריידיקן געפליסטער
שפּאַצירן דאָ געגאַנגען, —
זיינען שוין אין פאַרבאָרגענער
שטומער רו
די תּליות אויף ביימער געהאנגען.
אין די זומפן האָבן באָנקעס
דעם בראָך אויסגעבוהוט,
און דער פּאַסטעך האָט דעם יאָמער
אויפן דודו אויסגעדודוט.
נאָר קיינער האָט עס נישט באַנומען
און נישט געשפּירט דאָס אומגליק קומען.

אפילו די פייגל האָבן עס

פון די הויכן געפּישטשעט,
און די קראָען האָבן די לאָנקעס
דערמיט פאַרקלונגען.
נאָר מיר זײַנען נאָך יונג געווען
און געמיינט, אַז דאָס זינגען זיי
אונדזערע ליבעס אויס,
אַז דאָס קלינגען זיי
מיט אונדזער יוגנט ברויז.
די אַלטע — אין די געהויקערטע הײַזלעך,
האָבן טרייסט אין די בערד געטראָגן,
און מיט ביטול און ביטחון
אַלע שרעקן געטאָן פאַריאָגן:
— „אײַסעך דאָרט,
מ׳האָט שוין געזען אַזוינס
און וועלט בלייבט וועלט.“

און אַז יאַרוש, דער גמינע שרייבער
מיטן גלאַטן שרונטעלע
און בלייפעדער הינטערן אויער,
האָט געדולדיק געדרייט
די שפּיזיקע וואָנצעלעך
און מיט גיפּטיקע ריידעלעך
געשטאָכן יידישע לייבער,
האָט מען זיך געטרייסט:
„דער הונט וואָס בילט, בייסט נישט."
ס'איז אַ חסד אַזאַ פון בורא:
„דערשרעקן און נישט פאַרלענדן".
און דאָך האָט די שרעק זיך געמערט,
איינגענעסטיקט זיך אין יעדן געמיט.
אין בין השמשות, ביי שלוש סעודות,
האָט פינצטער אויף פינצטערניש
אין „שטיבל" געהויערט.
דער טויזנט-אויגיקער פחד-מלאך
האָט אין אַלע ווינקעלעך געלויערט.
צוגעלייגט און באַצערט,
האָט דער ניגון געצאַפּלט
מיט האַרציקן קרעכץ אין מויל.

אויך אין וואַרשטאָט
ביי שער און נאָדל,
איז די „גאָלדענע פּאַווע״
שוין מער נישט געפלויגן.
טריב דאָס געמיט
און בלייערן דאָס קול פון זינגער.
אָבער קיינער האָט אויסלייגן נישט געקענט,
אַז ממש יעדער טראָט ערד
איז פאַר אַ קבר אָנגעברייט,
און אויף יעדער בוים
איז א תליה-שלייף גרייט.

איבער אונדזער צעשראָקן הויז,
זיינען גאָר דאַן
גרויסע בלויע שטערן אויפגעגאַנגען;
טויאיק זוניקע פאַרטאָגן
און גלי פון פאַרנאַכטיקן פורפור-רויט
האָבן מיט ביטחון גרין
פאַרהוילן דעם לויערנדיקן סוד פון טויט;
אויף אונדזערע ביימער,
האָט דער חלום אויפסניי יונג זיך צעבליט.

בײַ ר׳ אהרון דודס אין „קלויז״
האָט חסידישער ברען
און שושק אויפֿן וואונק,
געוואוסט גענוי
וואו און ווען
די גוטע שעה וועט קומען.
און אין „לאָקאַל״,
(פֿרומאַקעס האָבן עס געגראַמט מיט „בעל״)
האָט משה מאָטלס געקנײַטשט דעם שטערן
און קלאָר באַוויזן
ממש ווײַס אויף שוואַרץ,
אַז מ׳קען עס אַנדערש נישט דערקלערן
נאָר, אַז לאַנג וועט עס שוין נישט געווערן.
„די פֿינצטערניש וועט מיט אַ בעזעם
אויסגעקערט ווערן.
אויפֿגײן וועט אַ העלע זון,
און אַלע אונדזערע ביימער
וועלן רײַפֿן אין ליכטיקייט.
אונדזערע הײַזער —
אונטערן צײכן
פֿון בלענדנדיקן רעגנבויגן.״

אזוי האָט דער חלום געפינקלט
איבער אונדזערע עלנטע בלאָטעס;
אין אונדזער אויג, —
דער בליאַסק פון פרילינגדיקן מאָרגן.
„שטיבל״ און „לאָקאַל״
געזען האָבן איין באַשייד:
„ס׳איז די צייט שוין איצט.
אונדזער דור איז אויסגעוויילט
און אָנגעברייט.״
ר׳ אהרון דודס האָט געזען סימנים
גענוג און גענאָך,
אַזוי פיל ספרים פאַראַן דאָך,
און אַליין איז מען אויך נישט קיין אבי ווער —
אויערן האָסטו? טאָ, הער!
אַ מוח האָרעוועט זיך ביי דיר,
טאָ נעם און פאַרשטיי:
„אויב אויף יעדער פולער וואָך
קומט אַ נייע גזירה,
איז אַ סימן, ס׳איז די צייט פון
שלם ישלם המבעיר את הבערה . . .״

אַזוי האָט ער גדלותדיק
געוויקלט דעם זיידענעם גאַרטל
אַרום זיך,
און די טראָלבן — שטומע צושאָקלענדיקע עדות,
געשטעקט אין ביידע זייטן.
דאָס פולע פּנים באָרד,
האָט געשיינט
און אין די אויגן
אַ גליאיקער פלאַם
האָט מען אַליין די גאַרטלען
אויך שטייפער פאַרוויקלט,
און מיט פּאָרכטיקער דערוואַרטונג
די אויערן אָנגעשפּיצט.
אפשר אַ רמז עפּעס פון רבין געבראַכט?
אפשר טאַקע שוין, האַ?

און אין „לאָקאַל״,
האָט משה מאָטלס געקליבן
אַ בוך צו אַ בוך,
געשעפּט חיות פון יעדן געדרוקטן וואָרט,
געהייליקט דאָס פּראָסטע אָרט:

„פּרץ האָט געזאָגט,
מענדעלע האָט געשטראָפט,
שלום עליכם האָט האַרציק היימיש
מיט יאַשטשערקעס געלאַכט.
און נאָך זיי —
שטורעמט לייוויק די גאַנצע וועלט.״
— נאָר דאָס אַלץ איז ליטעראַטור, —
האָט נאַכט אויף נאַכט, זיך געקאָכט
דער דינער בונעם גור, —
„דער עיקר איז — גיט ער צו פאַרשטיין,
און די אויגן פלאַקערן ווי הבדלות —
מאַרקס האָט פאָראויסגעזען,
ענגלס האָט אויסגעטייטשט און באַשטימט,
און לענין האָט איינגעשטעלט און געזיגט.״
דאַרף מען בלויז גוט אַ זוך טאָן
אַרום זיך,
וועט מען קלאָר דערזען
ווי עס מערן זיך און מערן
די סימנים אָן אַ שיעור:

„אַט אַט, און פֿאַרשווינדן וועט
די גאַנצע פֿריערדיקע סטרוקטור
פֿון פֿאַרשימלטער און אַלטער קולטור,
און אוודאי נאָך
דער אימפּעריאַליסטישער יאָך״ —
פֿלאַמט אים דאָס בלאַסע פּנים אָן דער באָרד, —
„וואָס דען דאַרף מען נאָך?״ —
ברענט דאָס וואָרט זיינס און בריט נישט,
נאָר וואַרעמט מיט טרייסט.
ציט ממש אַרויס פֿון געשיכטע
דעם סוד.
שלינגט מען מיט געזאַנג יעדן וואָרט:
„זעסטאָך, אפֿשר נאָך היינט,
אַז נישט, — איז מאָרגן,
ווערט דער בלויער חלום
וואָרע וואָר . . .״

און יאַרוש דער גמינע שרייבער,
איז אַלץ נאָדלדיקער און גיפֿטיקער געוואָרן.
כיטרינקע געשמייכלט
און געכיכיקעט מיט שפּאָט:

„איינציקווייז וועט מען זיי שלעפן
ווי פוילע ציין, און דערנאָך,‟ — — —
האָט ער קיינמאָל נישט געענדיקט
נאָר געשמייכלט מיט ביטול אַלצוויסיק.

ערד האָט נאָך דאַן
אַ פּיצל הימל געהאַט איבער זיך,
און דער מענטש — אַ חלום אין האַרץ.
האָט מען דעם פּחד אָנגעטאָן
אַ שלאָף היטעלע פון רויטן זייד
און געליוליעט און געטוליעט
דאָס אַלטע ציגעלע, וואָס וועט
אָט אָט שמעקן רויטן עפּל ריח,
און געגעזן ווערן
צו לאַנד און לייט.

געווען אויך אַזאַ ווי דודל לאַנדוי,
וואָס האָט דווקא מיט קורצזיכטיקע אויגן
געזען ווייט און וואָר:
„ס׳איז אַ פאַרבלענדעניש,
וואָס פאַרפירט,‟ — האָט ער
אַ זינג געטאָן מיטן ניגון
פון זיין זיידן דעם מגיד, —

„דער בלויער פויגל איז
אַ חלום גאָר פיין,
נאָר ביז דער נחמה
וועט דערווייל די נשמה
אויסגיין.
עס ברענט דאָ די ערד
אויף דער וואָר,
אַנטלויפט, און גאָר!״ —

האָבן אַלע פחדים זייער שלונג אויפגעעפנט
מיט זיין מויל.
געדיכטער פּאַפּיראָסן רויך
איז געשטאַנען אין הוילן גליוווער.
אַרום אים האָבן פּנימער געפלאַמט
און געלאָשן זיך מיט גרויליקן עלנט.
„לויף, אַז די וועלט איז פאַרריגלט
אויף טיר און טויער.״

געווען אויך אַנדערע
וואָס האָבן געוואַגט
מיט קאָפּ און נאַקן
דורכברעכן דעם גליווער.
אין די נעפּלדיקע פּאַרטאָגן,
שאָטנדיק שטום זיך געקלאַמערט
און אָפּגעשיידט מיט אַ פּאַרשטשעמעטן כליפּ,
און פּאַרשוואונדן אַריבער דער לאַנגער בריק;
אויף אַלע פיר געקראָכן
צו אַנטרינונג, און —
זעלטן ווען געפונען.
גרעניצן האָבן געגלאָצט אויף זיי
מיט ביקס און בלינדער וואַנט,
און ווייטע גרינע ברעגעס
האָבן אָן שאַנד
מיט פויסטיקער האַנט
די שיפן צוריקגעבלאָנקעט
צום ברויזיקן ים
און גורלדיקן קיינעמס לאַנד.

האָט משה מאָטלס מיט ציטער
ווייטער געגלעט
אַ בוך נאָך אַ בוך.
דאָס וואָרט פון טרייסט גענאָגט
אין טיפן טרויער:
„איידער עס הייבט אָן טאָגן,
טוט דער חושך געדיכטער שלאָגן.“
און ר׳ אהרון דודס
האָט מיט תרעומת און טענה
געיאָגט פון זיך
די נאַקעטע וואָר:
„ס׳שטייט דאָך בפירוש געשריבן —
וועק נישט די צרה פאַר דער צייט.“

שטיי איך איצט
אין פּוסטן פעלד.
שוין אַלץ אויף יענער זייט שרעק.
געווען אַמאָל אַ היים
און נישטאָ מער.
געווען אַמאָל אַ וועלט
און נישטאָ מער.

טאָ הייב זיך אויף, ברודער מיינער,
און קום מיט מיר.
כ'דאַרף דיך אויף מיין וועג.
זאָלסט שטענדיק מיר
אַ דערמאָנונג זיין,
אַז יעדער שטיקל ערד
קען אַן אָפענער קבר זיין,
און יעדער בוים שאָקלט צו
מיטן שפּיץ-קרוין:
„אָנגעברייט
און אָנגעברייט
און אָנגעברייט!"

מיר וועלן איילןביידע.
אפשר וועלן מיר ערגעצוואו
דעם עץ-החיים טרעפן.
וועלן מיר אים צושאָקלען
מיט ביטערן וויסן:
„די וואונד פון היינט
טריפט נאָך וואַרעם בלוט,
ווער מעג דען די מאָרגנדיקע
שוין דערבליקן?"
און דער עץ-החיים וועט
מן הסתם ענטפערן,
ווי דער שטייגער איז:
„אויך ביים געבוירן
רינט בלוט;
וואַרט אויפן געשריי
פון געבוירענעם."

מאָנטרעאָל, ה. תש"י — תשכ"ג

מיט דאַנק ווערן דערמאָנט

מיין טייערער פריינד

שלמה פאָמעראַנץ

פאַרן פלאַנירן און צוגרייטן

די פאָעמע צום דרוק;

די קינסטלערין ריטאַ בריאַנסקי

פאַר די צייכענונגען

און דער קאַנאַדער יידישער קאָנגרעס

פאַר זיין מיטהילף.

י. ז.

ביכער פון זעלבן מחבר

י י ד י ש

געווען איז אַ מענטש —

פינעף מעשות וועגן בעש״ט, מאָנטרעאָל 1940 — ת״ש

אויף יענער זייט בוג —

ערשטער טייל, מאָנטרעאָל 1946 — תש״ו

צווישן טייכן און וואַסערן׳ מאָנטרעאָל, 1961—תשכ״א

ה ע ב ר ע י ש

איש היה בארץ —

הוצאת מ. ניומאַן, תל־אביב, תשט״ו — 1955

מעבר לנהר בוג —

הוצאת מ. ניומאן, תל־אביב, תשי״ז — 1957